# סיפור קדושי אומאן

8 יאהר נאך דע הסתלקות פון הייליגן בעל שם איז נגזר גיווארן אביטערע גזרה אויף די יידעלעך פון אוקריינא. געווען איז עס ווען דער מערדער גונטא האט צאם געקליבן טויזנטער גויים גימיינע ליידיגייער. כדי זיך צו שטעלן קעגן דער דארטיגער מלוכה. אין אנשטעלן אנאויפשטאנד איבער צו נעמען דעם שלטון איבער גאנץ אוקריינא און פוילין. און ווי באקאנט און באוואוסט אז ווי נאר דער גוף ווערט קראנק. צום ערשט פילט דאס הארץ. אזוי אויך ביי אלע אזעלכע פאסירונגען האט צום ערשט דאס יידעלע געפילט דעם בראך. ווייל ווי זיי האבין נאר געקענט. האבין זיי געשטאכן און געהארגעט יידישע קינדער. גערויבט זייער גאנצער פארמעגן און גוטס. שפאנענדעג פון איין שטאט צום צווייטן. וואס ייעדן טאג אלס מער רוצחים זענען באהאפטן געווארן צו דער גרויסע קבוצה מיט די רוצחים. וואס גערופן האט מען זיי די היידמאקעס. אזוי האבין זיי ארום שפאצירט אין די באוואוסטע שטעט טוּטִיוֹב – הַלְטֶה – בַּלְטֶה – טוּטְשִׁין – פַּאוֹלוֹוִיטְשׁ – רַשְׁקוֹב – מַרְקוּפְּקֶי, "לִיסְנְקֶא" וּבִכְפָר "מֶעדְנִיטְשְׁקִי" ביז זיי זענען אנגעקומען קיין אומאן.

אנקומענדיג קיין אומאן מיט זייער אגרויסן לארעם און גערודער האט אנגעכאפט אטויט שרעק די יידישע איינווינער פון אומאן זענען זיך אלע דארטיגע יידעלעך פון אומאן און די שטעט ארום אנ ערך פון 30000 יידן אריין געלאפן צום גרויסן חצר פון באהערשער פון שטאט אומאן וואס האט זיי צוגעזאגט שיצן אויף זיי און אכטונג געבן אויף זיי פון יעדן שלעכטע געדאנק. דארט זענען זיי געווען פארשלאסן עטליכע טעג. און ווען גונטא איז אנגעקומען אהין צו. איז ער צו געקומען צום באהערשער האט ער עם אנגעזאגט שטריינג: אויב געבסטו מיר ארויס דע יידן. דאן וועט זיין גוט. און אז נישט וועל איך נעמען דיין איינציגסטע טאכטער. און איר הארגענען אויף זייער אשווערן אויפן.

דער באהערשער פון שטאט האט קיין ברירה נישט געהאט. און האט געהעפנט די טויערן. האט דער רוצח גונטא צאם גענומען אלע יידן אויפן גרויסן חצר פון די גרויסע שוהל פון אומאן. און האט אוועק געשטעלט אגרויסן צלם און אויס געשריגן. אז ווער עס וועט זיך בוקן צום צלם וועט ווערן גערעטעוועט. און ווער נישט. וועט זיין אחת דתו און געהארגעט ווערן. אבער די גרויסע צדיקים פון שטאט אומאן. זענען זיך אריין אין שוהל אריין. ביז די שוהל איז געווארן אנגעפאקט מיט הייליגע יידישע קינדער. און די רבנים פון שטאט האבין געשטארקט אלע יידן זאלן זיך האלטן פעסט ביי די הייליגע אמונה און זיך נישט פארלירן אויף ייעדן פאל. און זיך אויסשטעקן די האלדז צום הייליגן באשעפער.

דאן האבן אלע יידן גענומען דעם תילימל אין האנט און אנגעהויבן שרייען יאמערליכע קולות און געוויינט צום הייליגן באשעפער. ער זאל אויף זיי רחמנות האבן. און אלע צוזאמען האבן מיט נישט קיין נאטורליכע קולות אויסגעשריגן שמע ישראל ה' אלוקינו ה' אחד. דער רוצח מיט זיינע זעלנער הערנדיג די קולות זענען זיי אריין אין שוהל און אלעמען ארויס געשלעפט צום חצר פון שוהל. און ווידער שטריינג אנעזאגט אלעמען. זיך בוקן צום צלם. אבער קיינער פון זיי האט זיך קיין ריר נישט געגבן און קיינער האט נישט געפאלגט.

וואס האט דער רשע געטוהן, האט ער גענומען אחופה און אראפ גענידערט דעם דאך פון די חופה. אזוי אז ווער עס וויל אריין גיין דעראין. וועט זיך מוזן איינבויגן. און האט אוועק געשטעלט דעם צלם דעראין. און אויס געשריגן: קיינער מוז זיך נישט בוקן. נאר אריבער גיין אונטער די חופה. און ווער עס וועט נישט אריבער גיין וועט ווערן געהארגעט. האט זיך ווידער קיינער נישט אנגערופן. גלייך דערנאך האט עם אנגעכאפט אשרעקליכע צארן און כעס. און ער מיט זיינע זעלנער האבן אנגעפאנגען מלאכת השמד וההריגה אויף רעכטס און אויף לינקס.

ער האט אויך געהייסן זיינע זעלנער. נעמען זייער אגרויסן שטיין און עס אויסשפיצן מיט זייער אשארפן שפיץ. און אוועק געשטעלט דעם אכזרישן שפיציגן שטיין אינמיטן דעם גרויסן חצר פון שוהל לעיני כל ישראל. און ער אליין האט צאם גענומען אלע קליינע קינדערלעך וואס זענען דארט געווען 2000 קינדערלעך!!! זייענדיג זייער אגרויסער גיבור. האט אנגעכאפט קינד נאך קינד. און איבער גידרייט מיט די קאפ אראפ און די פיס ארויף. און אזוי ארויף געשמיצט אויף דער לופטן קעגן איבער דעם שפיציגן שטיין. אזוי אז ווען דער קינד פאלט. זאל זיין קאפ פאלן מיט אשטראם אויפן שפיץ פון שטיין אז דער מח זאל צושמעטערט. און אזוי האט ער געטוהן מיט 2000 הייליגע קינדער וואס מיט אזעלטענע גבורה האבן זיי מוסר גיווען נפשם על קדושת השם.

אין יענע שרעקליע פארווייטיגטע טעג ה' ו' ז' תמוז שנת תקכ"ח זענען אום געקקומען על קידוש השם דרייסיג טויזנט הייליגע יידעלעך און זייער בלוט איז געלאפן אין די גאסן פון אומאן אזוי ווי אקוואל און זיי אליין זענען געלעגן כדומן על פני השדה אסאך צייט ביז דער רוצח גונטא ימח שמו האט פארלאזט די שטאט דאן איז ארויס דער תלמיד פון הייליגן בעל שם זכותו יגן עלינו דער הייליגער באהאלטענער צדיק הקדוש רבי דוד חזן פון די מערה וואס האט ער זיך באהאלטן מיט זיינע 13 תלמידים און האט צאם גענומען די אלע קדושים און זיי באגראבן אין אגרויסן גרוב אקבר אחים מאכענדיג 2 בערגלעך פון די אלע קדושים און די 2000 קינדערלעך האט ער געלייגט צו ווישן די 2 בערגלעך און געמאכט 2 באזונדערע בערגלעך וואס צו ווישן זיי האט זיך אויסגעקליבן למקום מנוחת קדשו דער הייליגער צדיק רבי נחמן מברסלב זכותו

יגן עלינו והשם יקום דמם און בזכותם בעטן מיר אבינו מלכנו עשה למען הרוגים על שם קדשיך.